ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח'

## פרשת כי תבא

שנת תשע"א

**ולקחת מראשית כל פרי האדמה:**

דער **רמב"ם** פסק'עט אז דער שיעור פון מצות ביכורים איז א זעכציגסט'ל פון וויפיל פירות מ'פארמאגט. די **מפרשים** אויפן **רמב"ם** וואונדערן זיך פון וואו דער רמב"ם נעמט דעם שיעור, נאך מער אין די **משנה** שטייט **אלו דברים שאין להם שיעור הפאה והביכורים.**

זאגט דער **ווילנער גאון זי"ע** אז עס קען זיין אז דער מקור פונעם **רמב"ם** איז לויט די משנה אין מס' כלים (פי"ג מ"ג) אז א **טנא** קען האלטן א האלבע סאה. און אויפן פסוק **ולשרקה בני אתונו**, דרש'ענט די גמרא אין מס' כתובות (דף קי"א) אז יעדע בוים אין ארץ ישראל האט געהאט אויף זיך פירות א שיעור פון א לאסט וואס צוויי אייזלען קענען טראגן.

די גמרא זאגט אין מס' בבא מציעא אז א אייזל קען טראגן אויף זיך פופצן סאה, קומט אויס אז אויף יעדן בוים אין ארץ ישראל איז געוואקסן 30 סאה פירות, א צאל וויפיל צוויי אייזלען קענען טראגן.

דער פסוק זאגט ביי ביכורים **ושמת בטנא**, דאס איז דאך דער שיעור פון א האלבע סאה, א זעכציג'סטל פון וויפיל עס וואקסט אויפן בוים, און דאס איז דער מקור פון וואו דער רמב"ם האט ארויסגעלערנט זיין דין.

*

**וענית ואמרת וגו' ויהי שם לגוי גדול עצום ורב:** לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס ער דערמאנט דא דאס ענין פונעם ריבוי עם ביי גלות מצרים.

זאגט דער **דברי אברהם** אז דער אייבערשטער האט מבטיח געווען פאר אאע"ה אז אידן וועלן ארבעטן אין מצרים ד' מאות שנה און דער פערטער דור וועט נאכדעם צוריק אריינקומען קיין ארץ ישראל.

לכאורה זענען דאך אידישע קינדער געווען אין מצרים נאר 210 יאר, ממילא מן הדין קומט זיי נאכנישט ארץ ישראל ווייל עס באלאנגט נאך פאר די גוים, וואלט מען ווען געדארפט זיין פטור פון ביכורים ווי די הלכה איז אז איינער וואס פלאנצט אין א **קרקע שאינו שלו** איז פטור פון ביכורים.

זאגן שוין די **מפרשים** אז ווייל עס איז געווען א **ריבוי העם**, און עס איז געווען אסאך מער אידן אין מצרים וואס האבן געארבעט שלא כדרך הטבע, דאס האט משלים געווען די ארבעט באיכות לויטן חשבון פון ד' מאות שנה. אזוי אויך איז ידוע דער תירוץ אז **קישוי השיעבוד** האט משלים געווען די צייט.

דאס זאגט מען אין די פרשה צו ערקלערן פארוואס מ'איז מחויב צו ברענגען ביכורים, איי מ'איז דאך אריין אין ארץ ישראל שלא כדין ווייל עס איז נאכנישט אריבער די 400 יאר, אויף דעם זאגט מען וירד מצרימה **ויהי שם לגוי גדול עצום ורב,** ממילא האט דער **ריבוי עם** משלים געווען, און נאכדעם וירעו אותנו המצררים **ויענונו ויתנו עלינו עבודה קשה**, און דאס האט אויך משלים געווען צום זמן.

*

**ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך:** זאגט רש"י אז עס זאל זיין דיין אוועק גיין פון די וועלט אזוי ווי דו ביסט געקומען אויף די וועלט אן קיין עבירות. לכאורה דארף מען פארשטיין ווייל ווייטער שטייט **ארור אתה בבואך וארור אתה בצאתך**, און דארט קען מען נישט טייטשן אז עס זאל זיין דיין גיין פון די וועלט מיט עבירות אזוי ווי דיין קומען אויף די וועלט?

זאגט דער **בנין אריאל** לויטן **בית יוסף** (סימן מ"ו) אז מ'מאכט די ברכה **שלא עשני גוי**, און נישט **שעשני ישראל**, ווייל די גמרא זאגט אין מס' עירובין אז נמנו וגמרו נח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא, ממילא קען מען נישט מאכן קיין ברכה **שעשני ישראל**, אפשר איז גאר בעסער אז ער וואלט בכלל נישט באשאפן געווארן, ווען דעם זאגט מען א לשון **שלא עשני גוי**, וואס אויף דעם לויבט מען זיכער.

**תוספות** זאגט אבער אז דאס אז נח לו שלא נברא איז נאר געזאגט געווארן ביי סתם מענטשן, אבער ביי א צדיק איז וואויל פאר אים און וואויל פאר זיין דור אז ער איז באשאפן געווארן.

לויט דעם שטימט זייער גוט, ווייל לכאורה דארף מען פארשטיין ווי אזוי זאגט די תורה **ברוך אתה בבואך** דאס איז דאך נישט קיין ברכה ווייל מ'לויבט דאך נישט אויף בריאת האדם, אויף דעם זאגט רש"י אז דא רעדט מען ביי א צדיק וואס זיין גיין פון די וועלט איז אויך אן קיין חטא וואס ביי אים זאג איך נח לו שנברא. און דאס ווייס איך נאר ווייל איך דרש'ן א היקש פון **כשם שביאתך לעולם בלא חטא כך יציאתך מהעולם בלא חטא**, אבער ביי ארור דארף איך נישט האבן קיין שום היקש, ווייל אויב איז ער א זינדיגער איז ער דאך שוין סייווי א ארור פון ווען ער איז געבוירן געווארן ווייל עס איז דאך נח לו שלא נברא.

### די ברכות אין די תוכחה

די הייליגע חכמים זאגן אז אין די קללות פון די תוכחה איז מרומז ברכות וישועות פאר אידישע קינדער.

זאגט דער **חיד"א** א רמז אינעם פסוק **שורך טבוח לעיניך ולא תאכל ממנו, חמורך גזול מלפניך ולא ישוב לך צאנך נתונות לאויבך ואין לך מושיע.** אז אויב מ'דרש'ענט דעם פסוק צוריק צו וועגנס קען מען זעהן ווי עס ליגט דא באהאלטן די ברכה.

מ'דארף לערנען דעם פסוק אזוי: דער אייבערשטער זאגט פאר אידישע קינדער **מושיע לך**, איך וועל דיר העלפן, **ואין לאויביך נתונות**, גארנישט וועט נישט געגעבן ווערן פאר דיינע פיינט, **צאנך לך ישוב**, דיינע שאף וועלן דיר ווערן צוריק געקערט, **ולא מלפניך גזול חמורך**, און מ'וועט נישט גזל'ען פון דיר דיין אייזל, **ממנו תאכל**, פון דעם וועסטו עסן, **ולא לעיניך טבוח שורך**, און דיין אקס וועט מען נישט שחט'ן פאר דיינע אויגן.

# אוצר הידיעות

מיר האבן אלע אויפגענומען מיט שמחה די ידיעה אז הב׳ **יואל זאב בן מירל ריסא חוה גאלדשטיין** נ״י איז ב״ה באפרייט געווארן בדרך נס פון די תפיסה אין יאפאן, און ער איז אהיים געקומען צו זיין משפחה אין ירושלים עיה״ק.

אין די טעג איז אנגעקומען א בריוו צו א תלמיד פון כיתה ח׳ וואס יואל זאב האט געשריבן צו איהם נאך פון תפיסה, געציילטע טעג איידער ער איז באפרייט געווארן, דער בריוו איז פול מיט אמונה, חיזוק און בטחון, און דער כח התפילה וואס שפאלט דורך אלע גזירות, און עס איז א שטארקע הוכחה אז "תפילה העלפט!".

מיר לייגן דא ביי א קאפיע פונעם בריוו און מיר דארפן פון דעם נעמען א חיזוק און מוסר השכל בעבודת התפילה, בפרט יעצט ווען מיר שטייען שוין פאר ראשהשנה ווען מיר בעטן אלע אויף א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר, זאלן מיר וויסן אז אונזער שטארקסטער כח איז איין זאך: **תפילה! בעטן פונעם אייבערשטן ברחמים ובתחנונים!** און דער אייבערשטער וועט העלפן אז די תפילות וועלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון.


בס״ד

יברך את בית אהרן

[redacted]

[redacted]

[redacted]

# אוצר הידיעות

## ברכות וקללות שבמשנה תורה

**מיר לערנען די וואך אין די סדרה די תוכחה, וואס משה רבינו זאגט פאר די אידישע קינדער אויב זיי וועלן זיך נישט אויפפירן ערליך און אפגעהיטן. כידוע זאגן אבער די ספה״ק אז אין די תוכחה ליגט באהאלטן ברכות רפואות וישועות.**

**דער הייליגער תפארת שלמה זאגט א טעם אויף דעם וואס מיר ליינען די תוכחה אין דעם זמן פאר ראש השנה, כדי עס זאל זיין תכלה שנה וקללותיה, אזוי ווי מיר זאגן ונשלמה פרים שפתינו, אז אויב איז עפעס ח״ו נגזר געווארן נישט גוט זאלן מיר יוצא זיין ידי חובתינו מיטן ליינען די תוכחה, און אזוי האפן מיר אז אלעס זאל איבערגעדרייט ווערן לטובה.**

**הרה״ק רבי נחום מטשערנאבל זי״ע איז געווען אלס אינגערמאן געווען ביים הייליגן בעש״ט זי״ע און פרשת כי תבא האט ער עולה געווען צו די תוכחה. פון אנהויב האט איהם דאס ווי געטון אז מ׳האט איהם אויפגערופן צו די תוכחה, אבער ווען דער בעש״ט האט אנגעהויבן צו ליינען די פסוקים האט רבי נחום געשפירט ווי אלע זיינע יסורים ומכאובים אויף וואס ער האט אלעמאל געליטן טוט זיך צובויסלעך אפ פון איהם, ביז ווען דער בעש״ט האט געענדיגט ליינען די תוכחה האט רבי נחום געשפירט ווי כאילו ער איז געווארן א נייער מענטש. אלע יארן שפעטער פלעגט רבי נחום דערציילן פון יענעם שבת ווען די קללות פון די תוכחה זענען אים איבערגעדרייט געווארן צו ברכות.**

**דער רבי ר׳ פינחס׳ל קאריצער זי״ע זאגט אז אלע ברכות פון די תוכחה ווען מ׳ליינט דאס צוריק צו וועגס איז דאס לויטער ברכות.** (זע קעסטל אויף ע״א משמי׳ דהחיד״א ז״ל) **דאס איז דער פשט אין פסוק ויהפך ה׳ לך את הקללה לברכה, אז ווען מ׳דרייט איבער די פסוק פון די קללה ווערט עס א ברכה.**

# יגעת ומצאת

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' כי תצא

א. תוקעין בשופר בחודש אלול: א) בטור איתא כי משה רבינו עלה לשמים להביא הלוחות בפעם שלישי בר״ח ואז תקעו בשופר בכל מחנה ישראל. ב) בפרקי דר״א מבואר הטעם כי בכח השופר לעורר את לב האדם לשוב בתשובה שלימה. ג) מרן הייט״ל כ׳ בשם זקינו מרן היש״מ כי יש י״ב פעמים "הללוהו" בקאפיטל ק״נ בתהילים, נגד י״ב חדשי השנה, והללוהו בתקע שופר נגד חודש אלול.

ב. בספר המנהגים למהרי״א טירנוי סמך זאת עה״פ תקעו בחודש שופר, דהיינו שבמשך כל החודש יתקעו בשופר.

ג. בתשו׳ לחם שלמה כ׳ דכיון שנהוג אצל הספרדים לומר סליחות משך כל חודש אלול מה שמעורר את הלב יותר מתקיעת שופר, לכן לא נהגו לתקוע בשופר.

ד. בתורה מצינו שהימים האלו נחשבים לימי הרחמים והרצון, כמו שפירש״י בפר׳ ואתחנן שמשרע״ה עלה לשמים בר״ח אלול ועד אז לא רצה הקב״ה לסלוח לבנ״י על חטא העגל, ורק בימים אלו נתרצה לסלוח להם.

ה. נוהגין לומר הרבה תהילים בחודש אלול: כי כפ״ר בגימטריא ב״פ ק״נ, ולכן אומרים עשרה קאפיטלעך בכל יום שיגיע למספר כפ״ר. ובפרקי דר״א מובא שיש שייכות בין תהילים לתקיעת שופר, כי מאילו של יצחק נטלו הגידין להכינור של דוד המלך, ומהקרן עשה השופר שבהו יתקעו בזמן גאולתינו.

ו. אין אוכלין אגוזים בחודש אלול, כי זה מפריע להתפלה שמרבה הרוק בפיו, ומחמת שאגו״ז בגי׳ חט״א, וכן זה ר״ת וא׳ף ג׳ם ז׳את שמזכיר התוכחה בימים נוראים אלו.

ז. ג׳ פעמים יעשו עירוב תבשילין בימים הקרובים, כי ראש השנה חל ביום ה׳ ועש״ק, וכן ימים הראשונים של סוכות, וכן ימים האחרונים של סוכות.

ענין של עירוב תבשילין הוא שבהיות שאסור לבשל מיו״ט לשבת, כי רק לצורך אוכל נפש לבו ביום התירו חכמינו ז״ל, לכן התקינו שיעשו עירוב תבשילין קודם יו״ט, שזה כבר הכנה מקודם יו״ט לשבת, ואז הבישול ביו״ט נחשב רק לסיום ההכנה לשבת וזה התירו.